FRIDAY MARCH 13, 1987 ALGEMEINER JOURNAL — 11 — אלגעמיינער זשורנאַל 1987 ,13

# סאטמארער דיין אין באָרא פּארק רעזיגנירט

הגאון ר׳ יחזקאל ראָט, דער סאטמאר דיין אין באָראָ פּאַרק, האָט לעצטן זונטיק געשיקט א בריוו צום סאטמארער קהל אין וועלכן ער מעלדעט אז ער האָט באשלאָסן צו רעזיגנירן פון זיין אמט. ווי עס גיבן איבער אינפאָר־מירטע סאטמארער קרייזן האָט הרב ראָט באשלאָסן צו רעזיגנירן צוליב א סכסוך וועגן דעם ווער עס האָט די אחריות איבער די סאטמארער שוחטים, די דיינים, אָדער דער סאטמארער רבי. עס האנדלט זיך וועגן שוחטים, וואָס זענען אנטזאגט געוואָרן צוליב דעם, וואָס עדות האָבן געזאָגט, אז זיי פירן זיך ניט אויף צניעות׳דיק. איינער פון די אנטזאגטע שוחטים איז א טאטע פון צען קינדער. ווען דער סאטמארער דיין האָט געזען, אז ער האָט ניט קיין פולן קאָנטראָל איבער דער לאגע, האָט ער

פאָרזעצונג אויף זייט 11

סאטמארער דיין אין באָרא פּארק רעזיגנירט

פאָרזעצונג פון ערשטער זייט

באשלאָסן צו רעזיגנירן פון זיין אמט. דאָס האָט ארויסגערופן א טומל צווישן די סאטמארער חסידים. — גיבן איבער אינפאָר־מאַנטן פון דער סאטמארער קהילה.